# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



**כ"ה שבט תשס"ה** **פרשת משפטים**

טייערע קינדער שלוחים,
א גוטן ערב שבת.
איך בין זיכער אז איר – די מיידעלעך – האט אלע זייער הנאה געהאט פון דעם כינוס פאר די ילדי השלוחות. עס איז גוט צו זיין צוזאמען און צו פילן ווי "חסידים זיינען איין משפחה!" איך בין זיכער אז איר האט אלע אנגענומען שטארקע החלטות אהיימצונעמען אויף אייערע שליחות.
מיר גייען יעצט אריין אין חדש אדר א' א חדש פון שמחה. עס איז א גוטע צייט צו טראכטן אויף וואס מען דארף דאנקן דעם אויבערשטן און וואס מאכט אונז צופרידן. בעיקר דארפן מיר זיין צופריד אויף דעם וואס מיר האבן דעם גרויסן זכות צו זיין שלוחים פון דער רבי!! און מיט דעם שמחה זאלן מיר שוין אריינטאנצן אין גאולה!!
איידלה וועכטער

## דעם חסידיש'ן לוח

אין דער היום יום פון ל' שבט שטייט אז אסאך חסידים האבן געקוקט אויף זייער ערשטע באזוך אין ליובאוויטש אלס זייער יום הולדת.

דער רשב"ץ - דער מלמד פון דער פריערדיקן רבי – איז אנגעקומען אין ליובאוויטש דאנערשטאג ביינאכט פרשת משפטים, און יעדע יאר איז ער געבליבן אויף יענע נאכט, און ער האט געלייגט תפילין פונקט אין דעם צייט ווען ער איז די ערשטע מאל אריין צום צמח צדק.



קינדער, דא זען מיר די גרויסקייט פון יחידות - ווען א חסיד גייט אריין צו א פערזענליכע באזוך מיט זיין רבי.

וואס איז יחידות? ווען צוויי נשמות - די נשמה פון דער רבי און די נשמה פון דער חסיד ווערן איין זאך, צו אנטפלעקן די אינערליכע כחות פון דער חסיד און שטארקן אים אין זיין עבודה.

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת משפטים

תשים לפניהם -כשולחן הערוך

דער ערשטער פסוק פון דער פרשה משפטים איז: "**ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם**".

דער אפטייטש און אינהאלט פון דעם פסוק, לערנט רש"י: מיט יעדן אידיש קינד אין אלע דורות:

די "משפטים", די אלע געזעצן ("רולינגס") און זעלבסטפארשטענדלעך די אנווייזונגען פארבונדען מיט "סאלדזשערס" פון "צבאות השם", דארפן זיין אין אן אופן פון "תשים לפניהם - **כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם**": די "משפטים" דארפן זיין צוגעגרייט פאר די "סאלדזשערס" אז זיי זאלן קענען דאס גלייך נוצן: זיי דארפן זין פאר די "סאלדזשערס" אזוי קלאר, און אויך אזוי קלאר פאר די אלע וואס געפינען זיך ארום זיי, פונקט ווי מ'זעט דעם עסן (דעם "מיעל") וואס מ'דארף איס האבן בכדי מען זאל האבן א געזונטן גוף, איז ער צוגעגרייט אויפן טיש, און ער איז גרייט צום עסן, מ'דארף מער ניט ווי עסן בפועל.

און פונקט ווי דער עסן בגשמיות שטארקט דעם געזונט פון דעם גוף - אזוי איז דער "עסן" ברוחניות, דער "תורה–עסן",שטארקט דעם געזונט פון דער נשמה פון יעדער אידן,

און במיוחד די נשמה פון א א איד וואס האט א ספעציעלע שליחות פון דעם אויבערשטן - צו פירן מלחמה אין דעם אויבערשטנ'ס מלחמה אנטקעגן דעם יצר.

די הוראה פון האמור לעיל איז:

בשעת א "סאלדזשער", אן איש צבא, באקומט אן אנווייזונג פון דעם אויבערשטן אויף מלחמה האבן מיטן יצר, דורך דערויף וואס ער איז א איד און פירט זיך אויף ווי א איד - דארף זיין אויפפירונג זיין **קלאר**, אז מ'זאל גלייך דערקענען אז דאס איז א אידיש קינד:

אז מ'פרעגט אים - וואס איז ער? אדער א מיידעלע - וואס איז זי? ענטפערן זיי גלייך, אז זיי זיינען אידישע קינדער און זיי געהערן צום צבא השם!

און אז מ'פרעגט בא יעדערן פון זיי - ווי אזוי זעט מען דאס קלאר אז איר געהערט צום צבא השם?

נעמט א אינגעלע גלייך ארויס די ציצית און באוויזט זיי, וואס דאס איז א **קלארער** באוויז און אן עדות, אז ער געהערט צום צבא השם. אזוי אויך א אידישע מיידעלע האט א ספעציעלן וועג צו באווייזן

(המשך אין עמוד 2)



# דערציי'ל מיר א מעשה

## שליח עושה שליח

פערל כהן איז אויפגעוואקסן אין פראנקרייך אין א משפחה וואס האט ניט געהיטן תורה און מצוות.
נאר ווען זי איז געגאנגען אין קאלעדזש האט זי געפונען שלוחים וואס האבן איר באוויזן די זיסקייט פון א לעבן פול מיט תורה ומצוות.

אין דעם קאלעדזש אין ליאנס, פראנקרייך האט זי אנגעהויבן גיין צו די שיעורים פון דער שליח, ר' שמואל גורעוויטש.

אלץ וואס זי האט געלערנט האט געהאט א גרויסע השפעה אויף איר און זי האט אנגעהויבן פארן צו דעם גורעוויטש משפחה אויף שבת.

עס האט ניט גענומען לאנג ביז זי אליין האט אנגענומען אויף זיך היטן געוויסע מצוות, איין מצוה אויף א מאל. ווען זי האט געלערנט וועגן דער מצוה פון מזוזה, האט מרת גורעוויטש איר געבעטן לייגן א מזוזה אויפן טיר פון איר אפארטמענט, און זי האט מסכים געווען.

זי האט עס ארויפגעלייגט אויפן טיר,אבער עס איז ניט געבליבן הענגן לאנג. זי האט אראפגענומען איר מזוזה ווען איינער האט איר געזאגט אז עס איז א גרויסע געפאר פאר א מיידל וואס לעבט אליין אין פראנקרייך - א פלאץ וואו אסאך זיינען ניט אזוי פריינטלאך צו אידן – צו לייגן אויפן טיר אזא קלארע באוויז אז זי איז א איד.

צוויי וואכן שפעטער האט זי געפונען אויפן טיר א צעטל אז עס איז פאראן א פעקל פאר איר ביים שכן אויפן דריטן שטאק.

זי איז ניט געווען אין שטוב ווען דער פאסטמאן איז געקומען, און ער האט געלאזן איר פעקל ביים שכן.
זי איז ארויפגעגאנגען צום שכן און האט גענומען דעם פעקל. אויפן וועג ארויס פון זיין שטוב האט דער שכן זיך געדרייט צו איר און געזאגט "שלום."

"וואס?" האט זי געפרעגט, "ביסטו א איד?"

"זיכער!" האט ער געזאגט, "און איך וויל דיר עפעס פרעגן. פארוואס האסטו אראפגענומען דיין מזוזה?"
זי האט ניט געוואוסט וויאזוי ער האט בכלל געוואוסט אז זי האט געהאט א מזוזה, אבער זי האט אים אנגעהויבן זאגן אז זי האט מורא געהאט.

אינמיטן איר רייד האט דער שכן געבעטן אז זי זאל אים לאזן אויסגיסן זיין הארץ.
"איך בין א איד וואס האט פארלוירן מיין גאנצע משפחה אין דעם צווייטע וועלט מלחמה. פון דעמאלט אן האב איך זיך זייער דערווייטערט פון אידישקייט. איך האב דוקא געזוכט לעבן אין א פלאץ אן קיין אידן און אן קיין אידישקייט.

דא אין בנין האב איך אלעמאל גענוצט דעם "עלעווייטער" ארויפצוגיין צו מיין שטוב. לעצטע חדש ווען דער "עלעווייטע" האט זיך צובראכן האב איך גענוצט די טרעפ. ווען איך בין אנגעקומען צו דעם ערשטן שטאק האב איך געזען דיין מזוזה.

אין דרייסיג יאר האב איך ניט געזען א מזוזה!! זכרונות פון מייןווארעמע יארן פון אידישקייט זיינען צוריקגעקומען צו מיר. איך בין געשטאנען און איך האב געוויינט א האלבע שעה לעבן דיין טיר.
פון יעמאלט אן האב איך אויפגעהערט נוצן דעם "עלעווייטער" ווייל איך האב געוואלט זען דער מזוזה. און יעדער מאל וואס איך בין געשטאנען לעבן דיין מזוזה, האב איך עס געקושט און איך האב זיך פארבונדן מיט מיין אידישקייט. איך האב באשלאסן אז עס איז שוין געקומען דער צייט צוריקצוקומען צו דער וועג פון אידישקייט.
איין טאג האב איך געזען אז דיין מזוזה הענגט שוין ניט, און איך בין ממש געווארן צובראכן ביי זיך. איך האב געפילט אז מיין פארבונד צו אידישקייט איז צובראכן געווארן.

דער שכן'ס הארציקע ווערטער האבן זייער אנגערירט פערל. זי האט אויך געוואלט שטארקן איר פארבונד מיט אידישקייט. זיי זיינען צוזאמען געגאנגען צו דער גורעוויטש שטוב, און פון יעמאלט אן האט זיך געביטן זייער לעבן.

ניט לאנג שפעטער, האט פערל אויפגעבויט אן אמת'ע אידישע, חסידישע שטוב און ר' אברהם - דער שכן – א איד פון זיבעציג יאר אלט, האט אנגעהויבן לעבן נאכאמאל. דאס איז אלץ געווען אין זכות פון דער שליח פון דער רבי וואס האט אויסגעפירט דעם מבצע מזוזה פון דער רבי - זיין משלח.

*קינדער מיר קענען אסאך לערנען פון דער מעשה. מיר זען אז מיר ווייסן קיינמאל ניט וויפל אונזער מעשים קענען אויפטאן. ווען פערל האט געלייגט דעם מזוזה האט זי קיינמאל ניט געטראכט אויף דעם וואס אנדערע קענען דאס זען און עס קען אזוי משפיע זיין.*

*אויך, קענען מיר לערנען וויפל ווערט אויפגעטאן דורך אייך – די טייערע שלוחים, ווען שליח עושה שליח - דורך די מענטשן וואס איר ברענגט נענטער צו תורה ומצוות שאפט איר מער שלוחים וואס ברענגען די ליכטיקייט פון אידישקייט ווייטער אין וועלט!!*

*(לעבן מיט דער צייט)*

אין א קלארן אופן אז זי איז א אידישע מיידעלע - דורך דעם וואס זי (באווייזט אז זי) טראגט צניעות'דיקע קליידער, ווי עס איז פאסיק פאר א אידישער מיידעלע.

און אין צוגאב צו דעם, באווייזן אידישע אינגעלעך און מיידעלעך קלאר אז זיי זיינען אידן - דורך דעם וואס זיי זאגן אויסווייניק ( זיי דארפן דאס ניט זוכן אין ספר) "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און זיי זאגן דאס מיט א לעבעדיקייט, מ'זעט אז זיי לעבן דערמיט.

נאך א טייטש אין "**תשים** לפניהם" איז - "תשים " פון ווארט "סימה", וואס מיינט אן אוצר.

און די אנווייזונג דערפון איז:
יעדער איד, אריינגערעכנט אידישע קינדער, דארף באטראכטן אז תורה און מצוות זיינען א טייערע און באליבטע אוצר וואס איז אים געגעבן געווארן פון דעם אויבערשטן אליין, ובמילא לערנט ער תורה און איז מקיים מצוות מיט גרויס שמחה.

און דעמאלט האט מען הצלחה אין לימוד התורה און קיום המצוות, און מ'ברענגט נחת צו די עלטערן און מחנכים און צום גאנצן אידישן פאלק.

*( פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - שיחת כ' שבט תשמ"א, כ"א שבט תשמ"ב)*



## משיח נאו

מיר גייען אריין די וואך אין חדש אדר, א חדש פון שמחה. שמחה, צופרידנקייט איז זייער א וויכטיקע חלק פון אונזערע עבודה. מיר אלע ווייסן אז ווען מען איז צופרידן קען מען אויפטאן אסאך מער ווי ווען מען איז ניט צופרידן! די אותיות פון דעם ווארט **ישמח** - ער זאל זיין צופרידן– זיינען די זעלבע אותיות ווי דעם ווארט **משיח**! ווייל דוקא דורך זיין בשמחה קען מען אויפטאן וואס מען דארף צו ברענגען משיח!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ל' שבט, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות—פרשת משפטים

1. וואס איז א צווייטע מיינונג פון ווארט "תשים"? ____________________

2. וואס לערנען מיר פון דעם? ______________________________
______________________________________________

3. וואס איז ספעציעל וועגן חודש אדר? ________________________
______________________________________________

4. וועלכע ווארט האט די זעלבע אותיות ווי ישמח? ________________

5. וואס לערנען מיר פון דעם? ______________________________

6. ווער איז געווען דער מלמד פון דער פריערדיקע רבי? ____________

7. וואס מיינט יחידות? ____________________________________

8. וואס האט דערמאנט דער עלטערע איד וועגן זיין אידישקייט אין דער מעשה? ____________________________________________

9. וויאזוי האט ער צום סוף געהאלפן דעם מיידל פערל? ____________
______________________

10. וואס לערנען מיר פון די מעשה? __________________________
______________________________________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת יתרו: לוי יצחק דאנאוו, 7**

נאמען: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________

אי-מייעל: ______________________________

## הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org